


# פארשטערקערן צוטריט, רעכטן, און גרענט (FARE) גלייכבארעכטיגקייט

## וואס איז די FARE גרענט?

די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר (NYS DOL) האט באקומען א גרענט פון די U.S. דעפארטמענט אוו לעיבאר'ס פרויען ביורא צו מאכן אוטריטש און פארשטעלונגען פאר פרויען געצילט אויף ארבעטער רעכטן און בענעפיטן. מיר צילן צו דערגרייכן באזייטיגטע און שוואך-רעפרעזענטירטע פרויען אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, ספעציעל אין דארפישע געגנטער, דורך פערזענליכע און ווירטועלע פארשטעלונגען און וועבנטן. אונזער ציל איז צו פארשפרייטן עדיוקעישען און וויסנשאפט כדי שטארקן פרויען ארום די סטעיט, און אזוי העלפן פרויען ווערן א ציל פונקט פאר רעכטן און בענעפיטן אין זייערע אייגענע קאמיוניטיס.

## וויאזוי קען איך באקומען א פארשטעלונג?

פארבינדט זיך מיט NYSDOL דורך אימעיל אויף **info.nysdol@labor.ny.gov** אדער רופט **888-4-NYSDOL (888-469-7365)**.

## געצילטע טעמעס

### מינימום וועידזש

אלע ניו יארק סטעיט (NYS) ארבעטערס זענען בארעכטיגט צו באקומען צום ווייניגסטנס א מינימום וועידזש ראטע פער שעה.

| לאקאציע | מינימום וועידזש *אנגעהויבן פון יאנואר 1, 2024* | |
|---|---|---|
| ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און וועסטשעסטער קאונטי | $16.00/שעה | $18.55/שעה<br>היים קעיר געהילפן |
| רעשטע פון ניו יארק סטעיט | $15.00/שעה | $17.55/שעה<br>היים קעיר געהילפן |

### מינימום וועידזש פאר גע'טיפ'טע ארבעטער

NYS ערלויבט ארבעטסגעבער אין מערסטנס אינדוסטריעס צו ערפולן די מינימום וועידזש פארלאנג מיט צוזאמרעכענען א געהאלט באצאלט דורך דער ארבעטסגעבער מיט טיפס וואס דער ארבעטער באקומט פון קאסטומערס. נאר האספיטאליטי אינדוסטריע ארבעטסגעבער זענען ערלויבט צו נעמען טיפ קרעדיטס פון מינימום וועידזש. עס איז פארבאטן צו צאלן אינגאנצן מינוס טיפס.

| לאקאציע | סערוויס ארבעטער *אנגעהויבן פון יאנואר 1, 2024* | עסנווארג סערוויס ארבעטער *אנגעהויבן פון יאנואר 1, 2024* |
|---|---|---|
| ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און וועסטשעסטער קאונטי | $13.35 געהאלט<br>$2.65 טיפ קרעדיט | $10.65 געהאלט<br>$5.35 טיפ קרעדיט |
| רעשטע פון ניו יארק סטעיט | $12.50 געהאלט<br>$2.50 טיפ קרעדיט | $10.00 געהאלט<br>$5.00 טיפ קרעדיט |

### איבערשטונדן

### אווערטיים

מערסטנס ארבעטערס מוזן ווערן באצאלט פאר אווערטיים נאך זיי ארבעטן 40 שעה אין אן ארבעטס וואך. אווערטיים באצאלט איז 1½ מאל אייער געוועגליכע באצאלט. פאר גע'טיפ'טע ארבעטערס, מוזן ארבעטסגעבער באצאלן אווערטיים שעות וואס מען האט געארבעט אויף 1½ מאל די מינימום וועידזש ראטע, מינוס די גילטיגע טיפ קרעדיט. אגריקולטור ארבעטערס פארדינען יעצט אווערטיים נאכ'ן ארבעטן 56 שעה אין אן ארבעטס וואך און פאר סיי וועלכע שעות געארבעט אויף זייער באשטימטע אפרו טאג.

### מיסקלאסיפיקאציע: איינגעשטעלטע אדער זעלבסטשטענדיגע קאנטראקטאר?

צו באשטימען אויב אן ארבעטער זאל ווערן קלאסיפיצירט אלס אן איינגעשטעלטע אדער א זעלבסטשטענדיגע קאנטראקטאר, מוז די נאטור פון די ארבעטער-ארבעטסגעבער פארבינדונג ווערן גענומען אין באטראכט. זעלבסטשטענדיגע קאנטראקטארס זענען אליינס אין ביזנעס און זיי שטעלן צו זייערע סערוויסעס פאר די אלגעמיינע באפעלקערונג.

א זעלבסטשטענדיגע קאנטראקטאר ארבעט פריי פון:

- אויפזיכט
- אנווייזונג
- קאנטראל

פונעם אנדערן זייט, קען עס הייסן אן ארבעטער-ארבעטסגעבער פארבינדונג אויב דער ארבעטסגעבער:

- וועלט אויס ווען, וואו, און וויאזוי די ארבעטער פירט אויס סערוויסעס
- שטעלט צו פאסיליטעטן, געצייג, כלים, און צוגעהערן
- האלט א דירעקטע אויפזיכט איבער די ארבעט
- באשטימט די ארבעט שעות און ראטע פון באצאלונג, א.ד.ג.

לערנט מער דא: **dol.ny.gov/independent-contractors**

ווען אן ארבעטסגעבער מיסקלאסיפיצירט אן ארבעטער בייזוויליג אלס א זעלבסטשטענדיגע קאנטראקטאר, ווערט עס גערעכנט אלס שווינדליעריי. געוויסע ארבעטסגעבער נוצן דעם טאקטיק צו פארמיידן אויסצופאלגן ארבעטלאזיגקייט אינשורענס, ארבעטער'ס קאמפענסאציע, סאשעל סעקיוריטי, טעקס צוריקהאלטונג, און מינימום וועידזש פאדערונגען. באריכט שווינדלעריי צו NYS DOL אנליין ביי **dol.ny.gov/report-fraud** אדער רופט די 24-שעה

שווינדלעריי האטליין: **866-435-1499**.

# ווייסט וואס אייערע רעכטן זענען אלס א פרוי ארבעטער אין ניו יארק סטעיט

## באצאלונג פארלעסליכקייט געזעץ

אנגעהויבן פון סעפטעמבער 17, 2023, וועלן ניו יארק סטעיט ארבעטסגעבער מיט פיר (4) אדער מער ארבעטערס מוזן ארייינרעכענען א ראטע פון באצאלונג אדער אומגעפערע ראטע פון באצאלונג אין זייער ארבעט געלעגנהייט שילדערונגען פאר אלע ארבעט געלעגנהייטן וועלכע ווערן אויסגעפירט, כאטש טיילוויז, אין ניו יארק סטעיט. די ארבעט שילדערונג מוז פארעפנטליכן די ראטע פון באצאלונג אדער אומגעפערע ראטע פון באצאלונג וואס דער ארבעטסגעבער גלויבט, באמת, צו זיין ריכטיג אין צייט פונעם שילדערונג און זאל געבן פאר דער וואס געבט זיך איין פאר די ארבעט א קראנטע בילד פון וואס די ערווארטענע באצאלונג וועט זיין.

## געהאלט היסטאריע פארבאט געזעץ

אנגעהויבן פון יאנואר 6, 2020, קענען ניו יארק סטעיט ארבעטסגעבער מער נישט פרעגן אן ארבעט אפליקאנט איבער זייער געהאלט און בענעפיט היסטאריע, און די אינפארמאציע קען נישט גענוצט ווערן צו באשטימען אויב ער זאל יא אדער נישט אינטערוויו'ען אדער פארשלאגן ארבעט פאר'ן אפליקאנט. באצאלונג ערווארטענישן קענען ווערן ארומגערעדט, און מענטשן קענען אויסוועלן צו אנטפלעקן זייער געהאלט היסטאריע פאר'ן ציל פון אויסארבעטן א געהאלט.

## געהאלט מעלדונגען

ווען איר ווערט אויפגענומען פאר אן ארבעט, מוז אייער ארבעטסגעבער אייך געבן א געהאלט מעלדונג וואס ענטהאלט געוויסע וויכטיגע אינפארמאציע, אזויווי:

- וויפיל און ווי אפט איר וועט ווערן באצאלט
- די געווענליכע טאג וואס מען וועט אייך באצאלן, און
- סיי וועלכע אראפרעכענונגען פון אייער באצאלונג

## געהאלט גלייכבארעכטיגקייט

עס איז אומלעגאל צו באצאלן א פרוי וויינעגער ווי א מאן פאר'ן טון די זעלבע ארבעט נאר אויפ'ן באזיס פון דזשענדער. געהאלט אונטערשיידן קענען זיין באזירט אויף עלטער, האפטן, אדער אן אויטענטישע פאקטאר אויסער דזשענדער, אזוי ווי עדיוקעישאן אדער ערפארונג.

## פעי-סטאבס און אראפרעכענונגען

איר מוזט ווערן באצאלט פאר אלע שעות וואס איר ארבעט. איר קענט ווערן באצאלט אין קעש אדער טשעק, אבער איר מוזט געגעבן ווערן א קלארע פעי-סטאב יעדע מאל וואס איר ווערט באצאלט.

אן ארבעטסגעבער קען אייך נישט אראפרעכענען באצאלונג פאר'ן צוברעכן, פארפאטשקענען, אדער שעדיגן, געלט פון יוניפארם אדער מעיטענענס, ארבעטסגעבער ביזנעס קאסטן, אדער מאנגלען אין קעש.

## שפראך צוטריט

סטעיט אגענטורן וואס שטעלן צו דירעקטע פובליק סערוויסעס זענען געפאדערט צו צושטעלן אומזיסטע דאלמעטשונג און איבערזעצונג סערוויסעס פאר מיטגלידער פונעם פובליק פאר וויכטיגע פארמס און אנווייזונגען. דאלמעטשונג סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט אין איבער 200 שפראכן, אריינרעכענענדיג צייכן שפראך. ביי די NYS DOL, ווערן שריפטליכע וויכטיגע דאקומענטן איבערגעזעצט אין די סטעיט'ס 16 הויפט שפראכן.

## פאמפ'ן מאמע'ס מילך אינעם ארבעטספלאץ

פאר ביז דריי (3) יאר נאכ'ן האבן א קינד, האבן זייגעדיגע מאמעס די רעכט צו נעמען נארמאלע אומבאצאלטע אפרו צייט אדער נוצן באצאלטע אפרו צייט אדער עסן צייט יעדן טאג, צו פאמפ'ן מאמע'ס מילך ביים ארבעט. אלע ניו יארק סטעיט ארבעטסגעבער זענען פארלאנגט צוצושטעלן א פריוואטע ארט פאמפינג נאנט צו די ארבעטער'ס ארבעטס פלאץ וואס פארמאגט א בענקל, טיש אדער אנדערע פלאכע פלאץ, לעקטער, א פלאג (אויב די ארבעטספלאץ האט עלעקטריציטעט, און נאנט צוטריט צו ריינע, פליסיגע וואסער. די פלאץ וואס ווערט צוגעשטעלט קען נישט זיין א טוילעט.

## געשלעכטליכע האראסמענט אינעם ארבעטספלאץ

אלע ארבעטסגעבער אין ניו יארק סטעיט ווערן געפאדערט צוצושטעלן אן ארבעטספלאץ פריי פון געשלעכטליכע האראסמענט. לויט די געזעץ, מוזן ארבעטסגעבער האבן א געשלעכטליכע האראסמענט פארמיידונג פאליסי אין פלאץ און געבן א קאפיע דערפון פאר אלע איינגעשטעלטע ווי אויך א יערליכע טרענירונג.

## ניו יארק סטעיט באצאלטע זיכערהייט און קראנקהייט אורלויב

פריוואטע אפטיילונג ארבעטערס אין ניו יארק סטעיט זענען געדעקט אונטער די באצאלטע זיכערהייט און קראנקהייט אורלויב געזעץ. צום וויניגסטנס, באקומען איינגעשטעלטע איין (1) שעה פון קראנקהייט און זיכערהייט אורלויב פאר יעדע 30 שעה וואס זיי ארבעטן. אויב די אורלויב ווערט באצאלט אדער נישט ווענדט זיך אויף די גרויסקייט פון דער ארבעטסגעבער.

## ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס

אויב איר האט געארבעט אין ניו יארק סטעיט און פארלוירן אייער ארבעט נישט צוליב אייער שולד, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס. איר מוזט האבן גענוג פארדינסט צו וואוקשטעלן א קלעים; זיין גרייט, וויליג און פעאיג צו ארבעטן; אקטיוו זוכן פאר ארבעט; און דאקיומענטירן אייער ארבעט זוכעריי פרואוון. געבט זיך איין אנליין אויף **dol.ny.gov** אדער רופט **888-209-8124**.

## וויאזוי געב איך אריין א קלאגע?

די דיוויזיע פון לעיבאר סטאנדארטן העלפט שליכטן פארלעצונגען פון די ניו יארק סטעיט לעיבאר געזעץ. עס איז אומלעגאל פאר אן ארבעטסגעבער צו אפזאגן, באשטראפן, אדער אויף סיי וועלכע אופן דיסקרימינירן אדער נקמה נעמען קעגן אן ארבעטער פאר'ן מאכן א קלאגע איבער א מעגליכע לעיבאר פארלעצונג אדער נוצן סיי וועלכע רעכטן באשיצט אונטער די ניו יארק סטעיט לעיבאר געזעץ.

געבט אריין פארם **LS223** אריינצוגעבן א קלאגע. פארבינדט זיך מיט לעיבאר סטאנדארדן פאר מער אינפארמאציע: **LABOR-888-52 (888-525-2267)** אדער **LSAsk@labor.ny.gov**.

פאר מער אינפארמאציע, ביטע באזוכט **dol.ny.gov/fostering-access-rights-and-equity-fare-grant**

דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר איז אן איינציגע געלעגנהייט ארבעטסגעבער\פראגראם.
אדער 1-800-662-1220 (ענגליש) / TTY/TDD 711 1-877-662-4886 בייהילפיגע הילפסמיטלען און סערוויסעס זענען אוועילעבל לויט'ן פארלאנג און אומזיסט פאר מענטשן מיט באגרעניצונגען.

די FARE גרענט איז באצאלט דורך א פעדעראלע גרענט פון $350,000, וועלכע באשטייט פון 100% פון איר בודזשעט. 0%, אדער $0 איז באצאלט דורך סטעיט אדער נישט-רעגירונגס קוועלער.